# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קצ"ג – כי תצא תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתתרלד) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע

### הרה"ח ר' יחזקאל ווערצבערגער ע"ה משמש

איך האב געהאט די זכי' צו זיין במשך לאנגע יארן ביי הונדערטער ברית'ן, וואו רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע איז געווען סנדק. דער רבי האט זיך געפירט אז ווען עס איז געווען א ברית פלעגט ער אויסטוהן די תפילין דרש"י, און נאך איידער ער האט אנגעטוהן די תפילין דרבינו תם איז ער געווען סנדק.

איינמאל ביי א ברית האט דער רבי נישט אויסגעטוהן די תפילין און ער איז געווען סנדק מיט די רש"י תפילין אויפן קאפ. איז דארט געווען דער מונקאטשער גבאי הרה"ח ר' חיים בער גרינפעלד ז"ל און ער האט זיך געוואונדערט מה היום מיומיים, פארוואס איז דער רבי היינט יא געבליבן מיט די תפילין ביים ברית?

האט אים דער רבי געענטפערט "איר זענט גערעכט, געווענליך טו איך אויס די תפילין פארן ברית, נאר איצט בין איך געווען פארקלערט, און כ'האב נישט אויסגעטוהן די תפילין ביז דער משמש האט שוין אויסגערופן "קוואטער", וואס דאן קומט דאך שוין אליהו הנביא זל"ט, און מ'טאר דאך נישט אויסטוהן די תפילין קעגן א רבי'ן, ממילא האב איך געמוזט בלייבן מיט די תפילין".

האט זיך רבי חיים בער אנגערופן "אה, יעצט זע איך שוין ווער דעם רבי'נס רבי איז". (יחזקאל שרגא הלוי ווערצבערגער)

תתתתרלה) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה"ח ר' ירמי' קאהן הי"ו

עס האט מיר דערציילט דער זון פונעם בעל העובדא; נאך די פטירה פון הגאון הצדיק **רבי יונתן שטייף זצ"ל** (ט' אלול תשי"ח, די יארצייט געפאלן היינטיגן דאנערשטאג כי תצא, כידוע איז ער געווען א ידיד נאמן פאר רביה"ק בעל דבר"י זי"ע, און ווען דער רבי האט געזאגט אויף איהם א הספד אין די ווינער שוהל, האט דער רבי געזאגט אויף אים דעם פסוק מיט וואס דוד המלך האט מספיד געווען יונתן "צר לי עליך אחי יהונתן נעמת לי מאד נפלאת אהבתך לי") האט **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע געלאזט רופן דעם גבאי פון ביהמ"ד קהל עדת יראים וויען.

דער גבאי האט פארשטאנען אז דער רבי וויל אים עפעס זאגן איבער דאס רבנות אין די קהילה, און אזוי ווי אין וויען איז געווען ערענסטע שטאטוטען ווי אזוי מ'נעמט אויף א רב מיט וואלן, האט ער נישט געהאט קיין חשק צו הערן דעם רבי'נס מיינונג, ווילנדיג אז די קהילה זאל זיך פירן לויט די תקנות, האט ער זיך ארויס געדרייט פון אריבער צו גיין צום רבי'ן.

נאכדעם וואס דער רבי האט אים עטליכע מאל גערופן און ער איז נישט אנגעקומען, האט דער רבי געזאגט פארן משב"ק הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל "אז ער קומט נישט צו מיר, וועל איך אריבער גיין צו אים, איך דארף צו אים רעדן זייער וויכטיג".

ווען ר' יוסף האט געזעהן אז דער רבי וויל שוין גיין, האט ער יענעם אנגערופן און אים געזאגט אז דער רבי וויל אריבערגיין צו איהם אין שטוב. דער איד האט געזעהן אז דער רבי מיינט עס ערנסט און ער האט סיי ווי נישט קיין ברירה איז ער שנעל געקומען צו לויפן צום רבי'ן, און ער האט זיך מתנצל געווען אויף דעם וואס ער איז ביז יעצט נישט געקומען ווייל "דער רבי זאל מוחל זיין, איבער דאס רבנות וואלט איך נישט געוואלט רעדן..."

זאגט אים דער רבי "איך וויל טאקע יא רעדן מיט אייך איבער דאס רבנות, אבער נישט איבער דאס 'רבנות' וואס איר מיינט, נאר איבער די רבנית"...

"רבי יונתן האט איבערגעלאזט א רביצין, אן אלמנה, און איך וויל אייך בעטן אז איר זאלט זיך זארגן אז זי זאל ווייטער באקומען איר געהאלט פון די קהילה, אז זי זאל קענען אויסלעבן די יארן בכבוד"... (יודא ביקסענשפאן, יואל הכהן שעהנברון, חיים אלי' ביקסענשפאן)

תתתתרלו) עס דערציילט אונזער זיידע

### הרה"ג ר' מרדכי דוד קאהן שליט"א ר"מ בישיבה"ק

איך האב געהערט פון הרב ר' שלמה הערבסט הי"ו, אז זיין זיידע הרה"ח ר' שלמה הערבסט ע"ה נאך ווען ער האט געלעבט אין אונגארן, איז ער געווען א ...

איך האב געהערט פון הרב ר' שלמה הערבסט הי"ו, אז זיין זיידע הרה"ח ר' שלמה הערבסט ע"ה נאך וועמען ער הייסט, איז געווען פון די חשוב'ע חסידים ביים הייליגן דברי חיים זי"ע, ער איז געווען א תלמיד חכם און א עושר. ווען דער הייליגער **דברי חיים** זי"ע איז נסתלק געווארן איז דער שיניאווער רב זי"ע געגאנגען נאך די מטה בשעת ווען ער כאפט זיך אן אין צוויי חשוב'ע חסידים, זיין זיידע ר' שלמה הערבסט ע"ה און הרה"ח ר' וואלף ראזענוואסער ע"ה.

אינמיטן וועג האבן זיי געהערט א קול פון זינגען, זיי האבן זיך פארגעשטעלט אז דער קול קומט פון די דערנעבנדיגע ווערצהייזער, און עס האט זיי זייער ווי געטון אזא זלזול אינעם כבוד פונעם הייליגן רב אז בשעת די לוי' זיצט מען דארט און מ'פארברענגט מיט קלות ראש. באלד נאך די לוי' זענען זיי אהינגעגאנגען און שארף פארגעהאלטן די אייגענטימער פון די ווערצהייזער, היתכן אז זיי טרויען זיך אזוי מזלזל צו זיין אינעם כבוד פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע.

דערווייל זענען זיי פארוואונדערט געווארן צו הערן פון די אייגענטימער אלע ווי איינער האבן געענטפערט "חס ושלום, מיר האבן אלע צוגעשפארט די געשעפטן און קיינער פון אונז איז נישט געווען אפן בשעת די לוי'". עס איז זיי געווען א גרויסע פלא, ווייל זיי האבן ביידע קלאר געהערט זינגען, און דא זאגט יעדער אז זיי זענען געווען צוגעשפארט.

ווען זיי האבן דאס דערציילט פארן שיניאווער רב האט ער זיך אנגערופן "אז מ'הערט עפעס דארף מען זיך שוין צוטון מאכן?!".

ווייל אז דער הייליגער שיניאווער רב האט זיך אנגעלאנט אויף זיי האבן זיי זוכה געווען צו הערן די שירה פון די מלאכי מעלה וואס זענען ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם הייליגן דברי חיים זי"ע. (יושע צבי סג"ל לעווי)

תתתתרלז) עס דערציילט מיין טאטע

### הרה"ח ר' יושע ארי' גראס הי"ו

מיין מאמע ע"ה האט געהאט די זכי' צו קאכן די סעודות אין שטוב פון כ"ק הרה"ק מסקולען זצוק"ל במשך די לעצטע זיבן יאר פון זיין לעבן.

זי פלעגט גיין אנגעטון מיט א אפענע שייטל (עס איז וויכטיג ארויסצוברענגען אז די אמאליגע שייטלעך האבן נישט אויסגעזעהן קיין כי הוא זה ווי די היינטיגע האר-אויסזעהנדע שייטלעך) און דער סקולענער רבי האט זיך אויסגענומען מיט איר א תנאי, אז בשעת זי געפונט זיך ביי אים אין שטוב דארף דאס שייטל זיין צוגעדעקט. וכך הוה.

איינמאל ווען זי האט שוין געהאלטן ביים אהיימגיין, און זי האט זיך שוין צוזאמען געפאקט האט זי אראפגענומען דעם צודעק פון קאפ, און דאן האט זי זיך דערמאנט אז זי דארף נאך עפעס נעמען איז זי צוריק אריין אין צימער ווי דער סקולענער רבי איז געזעסן.

דער סקולענער רבי איז געווען א סגי נהור ל"ע, און אוודאי האט ער נישט אויפגעהויבן די אויגן ווען א פרוי איז געווען אין צימער, אבער לפלא ווי ער האט באלד מרגיש געווען און זיך אנגערופן "מרת גראס האט זיך צוגעדעקט דאס שייטל?". האט דער גבאי געזאגט אז זי איז נאר אריינגעקומען פאר א מינוט און זי גייט שוין אהיים.

האט זיך דער סקולענער רבי אנגערופן צו איר "מ'האט דאך עפעס אפגעשמועסט, ניין?!". זי האט זיך אנטשולדיגט און צוגעזאגט אז דאס וועט מער נישט פאסירן.

די מעשה איז א פלא, ווי דער צדיק האט דאס מרגיש געווען אפילו ער האט נישט געזעהן, און ווי שטארק דאס האט אים ווי געטון און געשטערט אפילו עס איז נאר געווען אויף איין מינוט. (קלונימוס אליעזר גראס)

### תתתתרלה) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' פינחס ישעי' קארנבלי הי"ו

אויף יום הקדוש תשי"ד לפ"ק איז אונזער גאנצע משפחה, מיין טאטע ר' נחום ע"ה און מיינע ברודער ע"ה, געפארן קיין פעסט צו הרה"ק **רבי אהרן מבעלזא זצ"ל**.

ער האט זיך געפירט במשך יום הקדוש צו שטיין א גאנצן דאווענען, און מ'האט אונטערגעלייגט שטרוי אונטער זיינע פיס. מוצאי יוה"ק פלעגן די חסידים כאפן די שטרוי, מ'האט דאס געהאלטן פאר סגולה.

מיין טאטע ע"ה האט אויך געכאפט פון די שטרוי, און ער האט דאס געהאלטן מיט זיך. נאך פסח ווען מ'האט אונז גענומען אין געטא האט דער טאטע צוטיילט די שטרוי פאר אלע קינדער אז עס זאל זיין לסגולה ולשמירה.

מיין ברודער ר' בערל הי"ו איז אנגעקומען קיין אוישוויץ אלס אינגל, דארט האבן די רשעים אויסגעטון יעדנס קליידער, און געגעבן די געשטרייפטע לאגער קליידער אזוי איז ער געבליבן אן קיין שטרוי. זייענדיג פול מיט אמונת צדיקים האט ער זיך גע'דמיונ'ט יעדעס מאל ווען ער איז געווען אין א צרה ווי כאילו ער האלט יעצט די שטרוי אין די הענט, און ער האט געשפירט ווי די האנט שוויצט אים ווי כאילו ער האלט טאקע שטרוי אין די הענט.

איינמאל האט מען גענומען עטליכע קינדער פון זיין לאגער אז זיי זאלן אפלאדענען א טראק וואס האט געברענגט עסן אין לאגער, און ער איז אויך געווען צווישן זיי. האט ער אראפגע'גנב'עט א פעקל מארגארין און אריין געלייגט אין טאש.

דער דייטשער רשע ימ"ש האט דאס באמערקט פונדערווייטנס, און ער האט אים גערופן און געפרעגט "פארוואס האסטו גע'גנב'עט?", האט ער געענטפערט דעם אמת ווייל ער איז געווען זייער הונגעריג. דער רשע האט ארויסגענומען זיין רעוואלווער און אים געוואלט שיסן. האט ער זיך אנגערופן צום רשע אויפהייבנדיג די הענט "זאלסט וויסן, איך האב דא די שטרוי פון בעלזער רב".

ווען דער רשע האט דאס געהערט האט ער צוריק געלייגט דעם רעוואלווער, און מיט כעס אים אראפגעווארפן אויף דער ערד און געשטויסן מיט אכזריות אויפן גאנצן קערפער, ביז ער האט געמיינט אז ער איז שוין טויט ר"ל. און אויך אלע ארומיגע האבן נישט אנדערש געקלערט. שפעטער האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער איז צוריק געקומען צום באראק אויף די פיס געזונטערהייט. (חיים קארנבלי, יוסף קארבנלי, יצחק הערקאוויטש, אלי' הערשקאוויטש).

### תתתתרלט) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

ביי א געלעגענהייט ווען רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע איז געווען אין ענגלאנד, האט ער זיך באגעגנט מיט הג"ר **אליהו לאפיאן ז"ל** מגדולי בעלי המוסר, און זיי האבן געשמועסט איבער פארשידענע ענינים.

בתוך הדברים איז אויסגעקומען אז רבי אליהו האט זיך אנגערופן פארן רבי'ן "סאטמארער רב, מיר זענען נישט קיין חסידים, מיר זענען פון די מתנגדים".

האט אים דער רבי געזאגט "חסידים מיט מתנגדים איז געווען אמאל, היינט איז דאס שוין נישט דא, היינט איז דא מאמינים מיט כופרים"... (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד)

### תתתתרמ) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אלימלך שלמה שווארץ שליט"א שו"ב

עס איז געווען בשנת תשכ"ב לפ"ק ווען רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע איז געקומען אויף א באזוך אין מיידל קעמפ אין קערנהאנקסאן נ.י. און ער איז אריין אויף א באזוך אין די באנגעלאו פון הרבני הנגיד ר' ישראל זופניק ע"ה.

אנקומענדיג צו די טיר האט דער רבי געווארט, און ווען ר' ישראל האט געזאגט אז דער רבי זאל אריינגיין, האט דער רבי געזאגט "דער בעה"ב דארף פריער אריינגיין".

ווען עס איז געקומען צום ארויסגיין איז דער רבי פריער ארויסגעגאנגען, האט ער זיך אנגערופן צו ר' ישראל מיט א ווערטל "פארוואס ביים אריינגיין גייט פריער דער בעה"ב און ביים ארויסגיין גייט פריער דער גאסט, ווייל אויב וועט דער גאסט פריער אריינגיין קען ער דאך פארמאכן די טיר אונטער זיך און נישט אריינלאזן דעם בעה"ב, משא"כ ביים ארויסגיין אויב דער בעה"ב וועט ארויסגיין פריער קען דאך דער גאסט ווייטער פארשפארן די טיר אויפן בעה"ב און בלייבן אינעווייניג, דעריבער דארף דער גאסט פריער ארויסגיין". (מרדכי שווארץ, חיים מענדל שווארץ)

### תתתתרמא) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ג ר' ישכר דוב הכהן גלאנץ שליט"א מ'בארדיוב

מיין מאמע הרבנית תחי' איז א טאכטער פון הגה"צ **רבי יחזקאל שרגא בראך זצ"ל דומ"ץ האלאש**, זי איז געווען אין לאגער טרעזיענשטאט אין יענע תקופה ווען מרן הגה"ק **בעל ברך משה** זי"ע איז דארט אנגעקומען אין זייער א שווערן מצב. ער האט אויסגעזעהן שרעקליך אז מ'האט אים קוים געקענט דערקענען.

ווען עמיצער האט זיך געדאכט אז דאס איז דער רבי איז ער צוגעגאנגען און געפרעגט "איר זענט דער זענטער רב?", האט דער רבי געענטפערט מיט זיינע שוואכע כוחות "א רב?! איך הייס משה טייטלבוים"... (יעקב הכהן גלאנץ, יעקב הכהן ברא"י גלאנץ, אברהם שמעון הכהן גלאנץ)

### תתתתרמב) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"ע דקהלתינו הק' ור"מ דישיבה"ק

מיין טאטע הרה"ח ר' דוד ז"ל האט געהאט א בעקעריי אין וויליאמסבורג, און ער פלעגט אלעמאל טון צדקה וחסד אן קיין שיעור. למשל, ווען א איד איז געקומען איינקויפן אין בעקעריי, און מיין טאטע האט געוואוסט אז ער איז א נצרך, און יענער האט געוואלט באצאלן מיט א צוואנציגער האט דער טאטע געמאכט דעם אנשטעל ווי כאילו יענער האט געגעבן א הונדערטער, און ער האט אים געגעבן 'טשעינדזש' עטליכע מאל אזויפיל ווי ער האט געגעבן.

די בחורים פון די נייטרא ישיבה האבן געוואוסט אז יעדעס מאל ווען זיי זענען אהיימגעקומען אויף שבת, איידער זיי זענען צוריק געפארן האבן זיי זיך געקענט אפשטעלן אין בעקעריי און עפעס נעמען פון דארט בחינם.

אזוי אויך פלעגט ער שטיצן די רבנים בדרך כבוד, ער פלעגט פארקויפן דעם חמץ ביי עטליכע רבנים איבער די שטאט, ווי אויך פלעגט ער ארומטראגן וויזן זיין אתרוג פאר מערערע רבנים, ווען זיין עיקר ציהל איז מהנה צו זיין די רבנים מיט א תמיכה בדרך כבוד.

איין יאר איז ער געווען זייער פארנומען פאר סוכות, און ער האט נישט געקענט ארומגיין ווייזן זיין אתרוג. יענעם יאר ווען ער האט געוואלט אתרוג בענטשן דעם ערשטן טאג סוכות האט ער געזעהן אז דער פיטום איז אראפגעבראכן, האט ער באלד געזאגט אז דאס קומט אים ווייל ער האט נישט געטראגן וויזן דעם אתרוג פאר די רבנים, און דורכדעם האבן זיי נישט באקומען זיין שטיצע לכבוד יו"ט. (אליעזר זאבעל, אלימלך זאבעל)

### תתתתרמג) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' בערל גרינפעלד הי"ו

אונזער מומע אשת הרה"ח ר' אנשיל פריינד ע"ה פון סאטמאר איז געווען א רייכע פרוי, און איר טאטעס ברודער איז געווען הגה"ק **רבי אברהם יושע פריינד זצוק"ל דער נאסאדער רב**.

איינמאל איז דער נאסאדער רב געקומען קיין סאטמאר, און ער האט געהאט די אכסניא ביי די מומע, און זי האט דארט צוגעגרייט א סעודה לכבודו. דער נאסאדער רב פלעגט אלס עסן אלע מאכלים נאר הייס. נאך די סעודה האט די מומע סערווירט אייז-קריעם, האט זיך דער נאסאדער רב אנגערופן "עס איז א גוט מאכל, אבער עס וואלט בעסער געווען ווען מ'וואלט עס ווען אנגעווארעמט"... (יושע פריינדמאן, יואל נתן פריינדמאן, נפתלי פאלאטשעק)